# השגחה פרטית

א וועלט פון **אמונה**. א לעבן פון **ביטחון**

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף **דער השגחה פרטית האטליין**

פרשת בהר בחוקתי תשפ"ו × **עלון 189**

## בהשגחה

### א אידישער בליק אויפן טאג

**עס דערציילט מיר א ירושלימ'ער איד מיט'ן נאמען ר' נח:**

אין דער שול וואו איך דאוון טעגליך דאוונט אויך א איד וואס זיין פרנסה ציט ער פון ארבעטן זעלבסטשטענדיג ['סעלף עמפלויד'].

אנדערש ווי אַן איינגעשטעלטער ביי א בעל הבית, וואס פארדינט זיך זיין רעגלמעסיגער געהאלט, גייט עס ביי אים אז ווי מער ער ארבעט, אלץ מער פארדינט ער.

דער סברא וואלט געזאגט אז אזא איד וואלט אייביג געדארפט זיין אין א געיעג. יעדע מינוט וואס ער ארבעט נישט דערלייגט ער געלט - אבער דער איד יאגט זיך נישט.

נאכן דאווענען, ווען אלע אידן יאגן זיך ארויס פון שול, בלייבט ער זיצן אויף זיין פלאץ און זאגט געמיטלעך תהלים מילה במילה.

איינמאל האב איך אים א פרעג געגעבן: ווי אזוי קען זיין אז דו יאגסט זיך נישט, דו דערלייגסט דאך יעדע מינוט געלט?

מיט א שמייכל האט דער איד געענטפערט אויף מיין שאלה:

שטעל זיך פאר אז דו ארבעטסט אין א פאבריק וואו די ארבעט און אויך די געהאלט איז נישט באשטימט. יעדן צופרי דארפסטו אריינגיין צו דער באָס און ער וועט דיר זאגן, וואס איז דיין היינטיגער דזשאב און וויפיל ער גייט דיר צאלן דערפאר.

ביי אזא שטייגער ארבעט וואלסטו זיך אנגעגרייט צו דעם טעגליכן באגעגעניש און גערעדט צו אים מיט רעספעקט, ווייל דו ווילסט דאך געפעלן ביי אים.

האט דער איד אויסגעפירט: מיר האט מען אויסגעלערנט אז דער טעגליכער שפע פון א איד קומט אראפ ביי שחרית. אז מ'דאוונט גוט קומט אראפ א גרינגע און א שנעלע ארבעט מיט א שיינע געהאלט.

אז מען איז מזלזל אין דאווענען, קען חלילה קומען שוואכערע שפע.

נו, אויב עס איז אזוי - לוינט נישט צו אינוועסטירן כח אין דאווענען?

ער האט עס געזאגט מיט אזא פשטות - אז עס איז מיר אריין אין הארץ - פירט אויס ר' נח.

**שבת שלום ומבורך, פינחס שאפער**

## השגחה עליונה

סיפורי אמונה וביטחון מצדיקי הדורות זי"ע

### די גענויע סומע - א האלבע שעה פאר דער זמן הפרעון

פון די געהויבענע בני עלי-ה וועלכע האבן באשיינט ירושלים עיה"ק מיט זייער צדקות און קדושה, איז געווען דער צדיק רבי שמואל הומינער זצ"ל.

אסאך פלאג און הארעוואניע האט דער צדיק אריינגעלייגט אויסצולייטערן זיין נפש, אבער באזונדער איז ער געווען באקאנט מיט זיין אויסגעארבעטקייט אין דער מידה פון בטחון און אמונה.

פאר לאנגע יארן האט ער געהארעוועט אנצוקומען צו זיין א בעל מדריגה אין אמונה און בטחון. ער האט אויך זוכה געווען צו פארפאסן א ספר געווידמעט אויף בטחון און אמונה. עס איז באקאנט מיט'ן נאמען: ספר 'מצות הבטחון'.

זיין רואיגקייט איז געווען א שם דבר. שטענדיג איז ער געווען מיושב, רואיג ביי זיך, אבער עס האט זיך אויך דערקענט אויף אים זיין שטענדיגע דביקות אין השי"ת. יעדע פעולה, יעדע געשעעניש וואס האט אים באטראפן אין זיין לעבן איז געווארן באטראכט פון אים אלס מאת ה' היתה זאת. אין יעדע זאך האט ער געזען דעם רבוש"ע.

זיינע ליפן האבן שטענדיג געשעפשעט א תפילה בעטנדיג השי"ת ער זאל מצליח זיין אין עבודת ה'. אויך ווען עס האט זיך גערעדט פון אזעלכע קלייניגקייטן ווי אנצינדן א שוועבעלע עס זאל ארויסקומען פון איר פייער, האט ער געבעטן דעם אויבערשטן.

צומאל פלעגט ער אויך אפשרייבן זיינע הצלחות, אויסדרוקנדיג אין איר א דאנק פאר הקב"ה אז ער האט מצליח געווען אין א געוויסער זאך. פולע ביכער און העפטן פון מעשי הצלחה איז געלעגן אנגעזאמלט ביי אים אין שטוב.

אין זיינע העפטן איז עטליכע פלעצער געווען פארצייכענט, אז עס איז גוט אז א מענטש זאל פון צייט צו צייט ארויסזאגן מיט'ן מויל: "איך בין אין די הענט פון הקב"ה"! ווייל דאס איז מחזק די אמונה ביי א איד.

- - -

די פאלגענדע מעשה איז איינס פון די מערערע אפענע השגחה פרטית וואס ר' שמואל זצ"ל האט זיך פארצייכנט, אבער עס גיט ארויס דער אפענער יד ה' וואס האט אים באגלייט אויף טריט און שריט.

מעשה שהי' אז ר' שמואל זצ"ל האט זיך גענויטיגט אין דער סומע פון צוויי טויזנט לירעס (דער וואלוטע נאמען פון יענע יארן אין א"י).

בימים ההם איז דאס געווען א פארמעגן פון געלט. אין די ירושלימ'ע באגריפן איז אזא סומע געווען גענוג צו קענען לעבן פון איר - בהרחבה - א גאנץ יאר. ער האט געטראפן איינער זאל אים בארגן די סומע, אבער אן הלוואה

<<<

## איך ליין דיין באהאלטענער בריוו יעדן טאג!

עס דערציילט דער חשוב'ער רב הגה"צ רבי שלמה זלמן פרידמאן שליט"א גאב"ד סאנטוב לעיקוואד די פאלגענדע מעשה:

"איך האב א חשוב'ער שוואגער. מיין שוואגער איז דער ראש הישיבה פון דער סקווערער ישיבה אין מאנטריאל, ער הייסט הרה"ג רבי סענדער בלויא שליט"א".

מיט א שטיק צייט האבן מיר גערעדט און ער דערציילט מיר א מורא'דיגע מעשה.

מעשה שהי' אז ער האט געהערט אז א איד וועמען ער קען גייט אריבער א ביטערע תקופה און מוטשעט זיך מיט אסאך שוועריגקייטן.

"איך קען דעם איד, אבער מיר זענען נישט עקסטער נאענט. הערנדיג אז ער מוטשעט זיך האט עס מיר ווי געטון, איך האב געזוכט ווי אזוי כ'קען אים מחזק זיין".

דערציילט דער ראש הישיבה.

טראכטנדיג אז צו גיין רעדן מיט יענעם וועט נאר ערגער מאכן. יענער וועט טראכטן אז מ'האלט אים פאר א צובראכענער איד אז מ'קומט אים מחזק זיין.

רעדן נישט, אבער כ'מוז דאך עפעס טון, האט ער געטראכט אז ער גייט אים שרייבן א בריוו. ער האט זיך אראפגעזעצט מיט ישוב הדעת און אים אפגעשריבן א הערליכער בריוו און עס געגעבן פאר א טייפסעטער אז ער זאל עס אפטייפן און עס ארויסדרוקן.

געדרוקטערהייט האט ער אפגעליינט דעם בריוו, אבער נאכ'ן עס אפליינען איז ער געקומען צו אן אויספיר אז אויב דער איד וועט ליינען דעם בריוו וועט ער ארויסגיין פון איר מיט א שווערער געפיל, און באשלאסן אז ער גייט עס נישט שיקן.

וואס יא? ער וועט דאווענען פאר אים.

א שטיק צייט איז פארביי. דער ראש הישיבה ר' סענדער האט זיך באטייליגט ביי איינס פון די חתונות פון זיינע תלמידים. שטייענדיג ביי די חתונה קומט א איד צו און ער הייבט אים אן דאנקען און זאגן יישר כח.

"יישר כח, פארוואס? איך קען איך אפילו נישט?"

"איר זענט נישט הרב בלויא?"

"איך בין יא, אבער ווער זענט איר?"

דערציילט אים דער איד אז ער איז לעצטענס אריבער א שרעקעדיגע שווערע תקופה, ער האט זיך שוואר געקענט טרייסטן אין זיין אריבערגאנג. אין יענע צייט בין איך אריין ארבעטן אין א פרינטינג קאמפאני. אין דער קאמפאני האב איך געהאט א טייפסעטינג דזשאב, איך האב געדארפט טייפן דאקומענטן און אנדערע צעטלעך.

איין טאג האט מען מיר געגעבן צו טייפן א צעטל. איך הייב אן צו לייענען דעם צעטל און איך שפיר ווי עס רעדט צו מיר. עס איז מלא וגדוש מיט חיזוק. דער שרייבער פארשטייט מיינע ליידן, מיין ווייטאג, ער רעדט צו מיר.

"ווער איז דער שרייבער?" איך קוק אונטן און כ'זע אז עס שרייבט זיך אונטער הרב בלויא.

דער בריוו האט מיר אזוי באנומען אז איך האב עס ארויסגעפרינט און געגעבן צו ליינען פאר מיין בני בית און זינט דאן לייען איך עס יעדן טאג, איר זענט מיר ממש מחי-ה!

דער ראש הישיבה איז געבליבן שטיין ערשטוינט. ער איז געווען זיכער אז זיין ארבעט איז געגאנגען לטמיון, און דא זעט ער ווי זיין ארבעט איז טאג טעגליך מחזק א איד.

## 'שליסל געלט' אדער 'צדקה געלט'

**עס דערציילט הרב ז. פ. פון ירושלים עיה"ק:**

איך וואוין אין ירושלים עיה"ק לאנגע יארן. דאהי איז ווייניגער טרעפליך אז מ'זאל האבן אייגענע קארס און עס איז נאך ווייניגער מצוי אז א איד זאל האבן צווי קאַרן.

אין דעם הינזיכט בין איך ממש אן אויסנאם, איך האב צווי קארס, וועלכע איך דארף פאר די ארבעט. איין קאר איז א קליינע קאר וועלכער איז ווי מיין פערזענליכער קאר. דעם קאר נוץ איך ווען כ'דארף פארן אין געוויסע ערטער אדער צו די ארבעט, די צווייטע קאר איז א גרעסערע קאר און כ'נוץ עס ווען כ'דארף פארן ערגעץ מיט די משפחה.

א קאר דארף א שליסל. ער קען האבן א פולער טאנק פון גאז אבער אויב עס פעלט א שליסל אנצוצינדן דער מאטאר רוקט ער זיך נישט פון פלאץ.

א שליסל איז א זאך וואס מענטשן פארלירן. עס איז אייביג ראטזאם אז מ'זאל האבן מער ווי איין שליסל, אין פאל אז איין שליסל פארלירט זיך. אבער ביי מיר האט זיך געמאכט אז איך האב נאר געהאט איין שליסל.

איך האב כסדר געהאלטן אין קאפ אז מ'דארף איבערמאכן נאך א שליסל. אבער זאכן האבן זיך פארשלעפט און איך האב עס געהאלטן אין איין אפשטופן אויף א צווייטע געלעגנהייט. איך האב עס אזוי לאנג געשטופט ביז ווען איין טאג איז עס געשען - דער שליסל האט זיך פארלוירן!

גלייבענדיג אז עס האט נישט געקענט גיין צו ווייט, האב איך איר געזוכט צווישן מיינע זאכן. איך האב געזוכט אין די ערטער וואו כ'האב געגלייבט אז עס דארף זיין. ווען איך האב עס נישט געטראפן האב איך אויסגעברייטערט די זוכעריי אויך צו ערטער

---

## <<< המשך השגחה עליונה

דארף מען באצאלן.

די טעג האבן זיך געריקט. דער טאג ווען ער האט געדארפט אפצאלן די סומע איז אנגעקומען, אבער זיינע טאשן זענען געווען ליידיג. מערערע געדאנקען פון וואו ער וועט שאפן דאס געלט האט ער געהאט, אבער אלע זיינע פלענער זענען צערינען געווארן.

אנדערע אידן אין אזא צייט וואלטן פארלוירן זייער ישוב הדעת. אבער ר' שמואל איז געבליבן רואיג און געלאסן.

א האלבע שעה פאר דער באשטימטער צייט, האט זיך געהערט א קלאפ אין טיר. א פרעמדער איד איז געשטאנען ביים שוועל מיט א ביטע.

"איך האב ביי מיר א גרויסע סומע געלט, איך זוך וואו כ'קען עס האלטן. איך האב געהערט אז איר זענט א פארלעסליכער איד. איך לייג אריין ביי אייך דאס געלט, איר קענט טון מיט דאס געלט וואס איר ווילט, איך וועל אייך לאזן וויסן ווען כ'דארף עס צוריק".

ר' שמואל האט איבערגעציילט דאס געלט, עס איז געווען פונקט 2000 לירעס!

וואו עס איז נישט געווען א סברא עס צו טרעפן, אבער אויך דארט איז עס נישט געווען צוטרעפן.

איך האב דאך א צווייטער קאר, האב איך געטראכט צו מיר, עס איז נישט עק וועלט, אויף דערווייל וועל איך נוצן די צווייטע קאר.

איך האב אנגעהויבן נוצן רעגלמעסיג די גרויסע קאר, און די קליינע קאר איז געבליבן ליגן אומבאנוצט אונטער מיין הויז און האט געזאמלט שטויב אויף איר.

א גרעסערע קאר האט מער זיצן, עס קען אריינגיין אין איר מער פאסאזשירן, אבער עס איז אויך ווייניגער באקוועם. עס פארנעמט מער ארט אין גאס, עס קאסט מער געז, עס איז שווערער צו טרעפן פארקינג פאר איר.

מער ווי אלעס האט מיר פארדראסן אז מיין קאר זיצט אונטער מיין שטוב און זאמלט שטויב.

איין טאג, נאכ'ן איינזען אז איך וועל נישט אזוי שנעל טרעפן מיינע שליסלען, האב איך זיך געווענדן צו דער לאקאלער גאראדזש וואס פאררעכט קארן און אנגעפרעגט דארט וואס טוט מען אין אזא פאל.

ביי מיר האב איך געטראכט אז פארלירן א שליסל איז טאקע אן אפקומעניש, אבער כ'גלייב אז איך בין נישט דער איינציגסטער מענטש אין דער וועלט צו פארלירן שליסלען. עס איז זיכער דא נאך אזעלכע מענטשן און דער גאראדזש-טעכניקער האט ווארשיינליך א לעזונג דערפאר.

דער טעכניקער האט געוואלט וויסן צי איך גערענק נאך דעם קאוד פון דער שליסל. הערנדיג אז כ'געדענק עס האט ער מיר געזאגט אז יא, מען קען ערצייגן א נייער שליסל, אבער עס איז א טייערע מעשה. אזא זאך קאסט טויזנט שקל [בערך $350].

הערנדיג אז עס איז אזא טייערע זאך האב איך באקומען קאלטע פוס פאר אזא זאך. ברוך ה' אז איך בין א שיינע פארדינער, אבער איך האב געשפירט ביי מיר אז שוין אויסגעבן טויזנט שקל לוינט מיר נאך נישט. איך בין אהיימגעגאגען און באשלאסן אז כ'גיי ממשיך זיין צו זוכן.

רעדנדיג מיט מיין בני בית דערוועגן, האב איך איר א פרעג געגעבן וואס זי האלט צי אויב כ'וואלט געגעבן דאס געלט פאר צדקה וואלט איך געטראפן דער שליסל.

"אז עס איז שוין באשערט פאר מיר אויסצוגעבן אזא סומע געלט זאל איך עס כאטש געבן פאר גוטע זאכן".

"זיכער אזוי", האט זי געזאגט מיט א שטארקקייט.

איך בין גלייך אריבער צו דער שכינות'דיגער כולל און איך האב געגעבן פאר'ן ראש הכולל טויזנט שקל לצדקה.

עס גייט נישט אריבער קיין צוויי שעה און כ'דערהאלט א טעלעפאן קאל פון שטוב, מען דערציילט מיר אז מען האט געטראפן דעם שליסל.

איך האב זיך געלערנט פון דעם אז עס איז טאקע באשערט פאר א מענטש א געלט-שאדן, אבער דער מענטש האט א בחירה. ער קען זיך אויסוועלן וואו דאס געלט זאל גיין, און אז מ'האט שכל טוט מען אויסוועלן עס צו געבן פאר צדקה.

<<<

## אבטח בך

מאמר חיזוק ממשפיעי קו השגחה פרטית

**הרה"צ ר' בעריש שנעבאלג שליט"א**

# א לעבן אן קיין כעס און רעגעניש

וועלכע שלעכטע מידה איז די ערגסטע מידה? דער רמב"ן אין דער באקאנטער אגרת הרמב"ן וואס ער שרייבט צו זיין זון - באצייכנט די מידה פון כעס אלס די ערגסטע מידה.

אין דער בריוו גיט ער אויך אן עצה קעגן כעס, אז די בעסטע עצה צו ווערן ניצול פון כעס איז צו רעדן רואיג. רעדן רואיג, איז מציל דעם מענטש פון כעס!

אויבנאויף פארשטייט מען נישט ווי אזויביידע גייען צוזאמען און וואס העלפט פאר'ן מענטש צו רעדן שטאַט אויב ער איז אין כעס. אבער ווען מ'לערנט חובת הלבבות ווערט די עצה פארשטענדליכער.

דער חובת הלבבות לערנט אונז אויס אז בטחון איז דער שליסל צו א רואיגער און א צופרידענער לעבן. א מענטש וואס לעבט מיט בטחון איז שטענדיג רואיג און אז מען איז אייביג רואיג קען מען זיך פארמעסטן מיט כעס.

א רואיגער מענטש איז געדולדיג. ער קען אויסהערן וואס א צווייטער האט צו זאגן, און ווען מען הערט אויס דעם צווייטן ביז צום סוף, פאלט אוועק זייער אסאך כעס און ביטערניש.

ווען יעדער שרייט און יעדער פרובירט ארויפצוצווינגען זיין מיינונג איבער א צווייטן, וועט מען זיך קיינמאל נישט קענען אויסקומען. אבער אז מ'איז רואיג און געלאסן קען מען הערן וואס דער צווייטער האט צו זאגן און מ'פארמיידט פון זיך אסאך איבעריגע קריגערייי.

אסאך מאל ביסטו חושד א צווייטן, דו ביסט זיכער אז יענער האט דיר באַ'עוולה'ט, אבער אז דו וואלטסט זיך אראפגעזעצט און גערעדט מיט אים, וואלסטו מעגליך געהערט אז עס איז דא א צווייטער זייט, און אז א גרויסער חלק פון די זאכן וואס דו מיינסט אז יענער האט געטון, האט ער למעשה נישט געטון. אבער אז דו רעדסט נישט מיט אים, ווייסטו נישט וואו מ'האלט אויף די וועלט און דו פאלסט אריין אין כעס.

די עבודה פון אויסארבעטן די מידות און זיין געדולדיג צו אנדערע איז אויך די מידה וואס מ'דארף ארבעטן אויף איר אין די ימי הספירה. אבער דער שליסל דערצו איז די מידה פון בטחון, ווייל זי ברענגט אראפ רואיגקייט אויפ'ן מענטש.

אין דער וואכענדיגער סדרה לערנען מיר וועגן שמיטה. די תוה"ק גיט פאר'ן איד די מצוה פון שמיטה. דער ציל פון דער מצוה איז אז דער איד זאל קונה זיין אמונה, ער זאל אנקומען צו א טיפע אנערקענונג אז הקב"ה פירט די וועלט און אז ער מאכט אלעס אויף די וועלט.

די תוה"ק גיט פאר'ן פעלד־ארבעטער א גאנצע יאר צו ארבעטן אויף זיך. ווייל אז די אמונה זאל אריינגיין טיף אין הארץ דארף מען ארבעטן אויף איר א גאנץ יאר, ביז ווען ס'גייט אריין טיף טיף און עס ווערט א חלק פון דער מענטשליכער זעהל.

אמונה איז די אלף־בית פון א איד. עס איז אויך דער בעסטער טאבלעט איבערצוקומען אלע שוועריגקייטן אין די וועלט.

מיט אמונה קען מען איבערקומען אלע שוועריגקייטן און ניצול ווערן פון די ערגסטע מידה: פון כעס.

## א דאפלטער דיסקאונט

**עס רעדט דא י. שווארץ פון דער שטאט לאנדאן:**

עס רעדט דא א איד פון לאנדאן און כ'וויל ענק מיטטיילן א שיינע און א פערזענליכע איבערלעבעניש וואס איך האב לעצטענס געהאט, וועלכע גיט ארויס אז פון לעבן ישרות'דיג און ערליך פארדינט מען נאר.

איידער כ'טאנץ אריין אין מיין געשיכטע, לאמיר געבן א שטיקל אונטערגרונד איבער וואס כ'טו און מיט וואס מיין היינטיגע געשעעניש איז פארבינדן.

איך בין אין די פראפערטי ביזנעס. איך קויף און פארקויף הייזער פאר מענטשן. אין דער ליניע טרעפט זיך אסאך מאל אז כ'בין דער וואס האט א פראפערטי און כ'פארקויף עס, און צומאל איז עס נישט מיין אייגענער פראפערטי נאר איך באקום עס פון א מעקלער (בראָוקער).

מיט עטליכע יאר צוריק איז מיר אויסגעקומען צו דילל'ן מיט איין מעקלער. איך בין געווען זייער אנטציקט פון זיין ארבעט און כ'האב באשלאסן אז פון היינט און ווייטער וועלן מיר ארבעטן אינאיינעם.

מיט די יארן האב איך איינגעזען אז עס איז געווען א גוטע החלטה. עס איז דא אסאך מענטשן וואס האלטן אין איין טוישן מעקלערס. זיי זוכן מציאות, ווער עס גיט א בעסערע פרייז, וואו זיי קענען מאכן א בעסערע דילל, אבער איך האב איינגעזען אז דאס בלייבן מיטארבעטן מיט איינעם איז די בעסטע זאך וואס קען זיין.

אויסער וואס מ'שפאָרט זיך ענערגיע ביז דער פרישער מעקלער פארשטייט דיינע געברויכן און וואס דו גלייכסט, האב איך עס אנגעהויבן שפירן אין טאש אויף א גוטן אופן.

זעענדיג אז איך בין לאיאל צו אים האט מיר דער מעקלער געמאכט דיסקאונטס אויף מיינע הייזער, און די דיסקאונטס זענען געווען באדייטפולע. אין איין פאל האט ער אראפגעלאזט די סומע פון 2,500 שטערלינג פונט.

איך האב געמיינט אז עס איז אן איינמאליגע זאך, אבער מיט די צייט זענען די דיסקאונטס געווארן א טייל פון דער פעקעדזש אין אונזער בשותפות'דיגער צוזאמענארבעט.

איין טאג איז מיר אונטערגעקומען א דילל, אבער דער דילל איז נישט געווען פאר מיר. מיינער א ידיד מיט וועמען איך בין גוט באקאנט האט מיר געבעטן אז כ'זאל אים ארויסהעלפן פארקויפן צוויי פון זיינע פראפערטיס.

דער ידיד וויסנדיג אז איך ארבעט האנט ביי האנט מיט א געוויסע מעקלער, האט ער מיר געבעטן אז כ'זאל אים ארויסהעלפן און פארמיטלען אין דעם פראדזשעקט. דער איד האט באטאנט אז בעצם וואלט ער זיך אויך געקענט פארבינדן מיט דער מעקלער, אבער וויסנדיג איבער אונזער נאנטקייט און צוזאמענארבעט גלייבט ער אז אויב כ'וועל זיין אין בילד וועלן זאכן זיך ענדיגן בעסער און שנעלער.

אויף די בקשה פון מיין ידיד האב איך זיך פארבינדן מיט דער מעקלער און אים דערציילט אז מיינער א ידיד האט א פראפערטי וואס ער וויל זייער שטארק פארקויפן און געבעטן פון דער מעקלער צי ער קען טרעפן א פאסיגן קונה פאר מיין ידיד.

דער מעקלער האט זיך אריינגעלייגט אין דער געשעפט. געציילטע טעג שפעטער האט מיר דער מעקלער אנגעקאלט זאגנדיג אז ער האט א קונה וואס וויל אפקויפן דעם פראפערטי פון מיין ידיד.

דער געשעפט האט געמאכט פראגרעס. איך בין געשטאנען אינדערמיט און באגלייט מיין ידיד און אים צוגעעדיגט אויסצופירן דעם מקח מיט'ן דער קונה.

אזוי ווי דער מעקלער האט אויסגעפירט דעם געשעפט האט מיין ידיד געדארפט צאלן מעקלעריי געלט פאר דער מעקלער, אבער דא האט זיך אנגעהויבן א שאלה. איך האב א קביעות'דיגער דיסקאונט ביי דעם מעקלער, אבער מיין ידיד וועמען איך האב געהאלפן פארקויפן זיין פראפערטי, האט נישט קיין דיסקאונט ביי דעם מעקלער. ער וואלט געדארפט צאלן די פולע פרייז פאר מעקלעריי געלט.

רעדנדיג מיט דעם מעקלער האב איך באטאנט אז געווענליך האב איך ביי אים א דיסקאונט אויף מיינע מעקלעריי ארבעט, אבער אזוי ווי איך בין נישט דער קליענט קומט זיך נישט קיין דיסקאונט פאר מיין ידיד.

דער מעקלער האט זיך איינגע'עקשנ'ט זאגנדיג אז אזוי ווי איך האב געברענגט דעם דילל גייט ער 'מיר' געבן א דיסקאונט. דא בין איך געשטאנען פאר א נסיון. איך האב געקענט זאגן פאר מיין חבר אז ער דארף צאלן ווייניגער מעקלעריי געלט ווי ריכטיג, אדער זאל איך אים זאגן אז ער דארף צאלן די פולע פרייז, און דער מעקלער וועט מיר געבן אין דער האנט אריין די געלט וואס קומט זיך מיר פאר'ן דיסקאונט.

נאך אסאך טראכטן וואס כ'זאל טון האב איך באשלאסן אז כ'גיי זיין יושר'דיג. דער דיפרענץ צווישן דער ארגינעלער מעקלעריי געלט ביז צו די דיסקאונט מעקלעריי געלט איז באשטאנען פון 2500 פונט. איך האב באשלאסן אז דער מעקלער וועט די 2500 פונט צעטיילן אין צוויי. די סומע פון 1250 פונט וועט ער געבן פאר מיר און די איבריגע וועט גיין פאר אים, ער וועט פארדינען אז ער דארף צאלן 1250 פונט ביליגער.

איך האב אזוי געטון. אלע זייטן זענען געווען צופרידן. איך בין געווען צופרידן אז איך האב פארדינט 1250 פונט, מיין חבר איז געווען צופרידן אז דער דילל האט אים געקאסט מיט 1250 פונט ווייניגער; און דער מעקלער איז געווען צופרידן אז ער קען ווייטערגעבן א דיסקאונט פאר מיר.

אזוי האב איך געטון, אבער זאכן האבן זיך אנגעהויבן טוישן נאך דעם וואס איך האב זיך באטייליגט ביי א שיעור הלכה.

פון צייט צו צייט טו איך אנטייל נעמען ביי די שיעורים פון 'עסקים כהלכה'.

איך שפיר אז די שיעורים איז קריטיש וויכטיג פאר יעדן איד וואס איז אין ביזנעס און וויל זיך פירן כהלכה. די ביזנעס וועלט איז אזוי קאמפלעצירט אז אויב מ'וויל זיין אויסגעהאלטן הלכה'דיג, איז וויכטיג אז מ'זאל קענען די הלכות און זיין גוט אויסגעקאכט אין אלע שאלות בנוגע מאכן געשעפטן.

יענע שיעור איז געווען א שיעור איבער 'הונאה'(אויסנארן); מען האט געלערנט ווי אזוי מען דארף זיין נזהר אין נישט אויספאפן אנדערע. די שאלות אין הונאה זענען אלץ אקטועלע שאלות און

דער שיעור איז געווען א לעבהאפטיגער שיעור. די טענות און די וויכוחים איז ארויף אויף הויכע טענער און צווישן די שמועסן האט מען גערעדט איבער זאכן וואס זענען ענליך צו מיין קעיס.

דער שיעור האט זיך געענדיגט אבער איך האב זיך אנגעהויבן שפירן מורא'דיג אומבאקוועם מיט וואס כ'האב געטון. ביי דעם שיעור איז ארויפגעברענגט געווארן שטארקע הלכה'דיגע טעמים און הוכחות אז דער פולער דיסקאונט [נישט דער האלבער ווי איך האב געטון] געהער באמת צו דער פארקויפער, אפילו אז עס איז אנגעקומען צו אים נאר צוליב מיר.

אין הארצן האב איך באשלאסן אז מארגן צופרי וועל איך אריבערגיין צו א דיין וואס איז אויסגעקאכט אין די ענינים און כ'וועל זיך דורכעדן מיט אים צי דער שריט וואס כ'האב געטון איז אויסגעהאלטן צי נישט.

אבער נאך א לאנגער נאכט שלאף האב איך געהאט די ענטפער פאר דער שאלה. איך האב באשלאסן אז אויך אויב הלכה'דיג איז עס אויסגעהאלטן "וויל איך עס נישט טון". גלייך צופרי האב איך זיך פארבינדן מיט'ן מעקלער און איך האב אים געזאגט אז ער זאל אריבערפירן מיין חלק צו מיין ידיד.

דערהאלטנדיג די ידיעה פון דער מעקלער אז ער האט ערלעדיגט די געשעפט האב איך געשפירט אז א שטיין איז מיר אראפ פון הארץ.

אבער אין הימל האט מען מיר געוואלט ווייזן אז פון ישרות דערלייגט מען נישט.

מיט עטליכע חדשים פריער האב איך זיך איינגעהאנדלט א פראפערטי און עס געפלאנט צו פארדינגען און לייזן דערביי געלט פון איר רענט. איידער איך בין אריין אין דאס געשעפט האב איך עס אויסגערעכענט פון אלע זייטן זייענדיג זיכער אז עס איז א גוט געשעפט, אבער למעשה איז עס געשטאנען ליידיג.

אסאך מענטשן זענען עס געקומען באזוכן און עס באטראכט, אבער קיין איינער האט נישט געמאכט קיין קלאוזינג אויף איר.

איך האב נישט געקענט דערגיין די סיבה. איך האב אנגעפרעגט ביי באקאנטע אין די ליניע וואס קען זיין די סיבה, און אויך זיי האבן נישט געהאט פאר מיר קיין לאגישע ערקלערונג דערויף.

יענער וואך ווען איך האב צוריקגעגעבן דאס געלט פאר מיין ידיד, האט מיר א טענענט אנגעקלינגען און געזאגט אז ער וויל קלאוזען מיט מיר.

דער טענענט איז געווען אזוי איבערראשט און געדרוקט צו קלאוזען אז ער איז געווען גרייט צו געבן א דעפאזיט אויף פאראויס.

ווען כ'האב דערהאלטן דער דעפאזיט בין איך געבליבן שטיין ערשטוינט, עס איז געווען די גענויע סומע וואס איך האב אפגעגעבן פאר מיין חבר.

איך האב געזען בחוש אז דאס איז א רמז פון הימל אז פון ישרות און ערליכקייט און זיך פירן על פי תורה דערלייגט מען נישט, אדרבה, מען פארדינט נאר.

האט איר זוכה געווען צו זעהן א מעשה פון השגחה פרטית?

**רופט אריין צו קו השגחה פרטית: 1-518-613-0140 דריקט 3 און דערנאך 0**

**אדער שיקט א אימעיל צו די מערכת hashgachaprutis@gmail.com**

## בסוד ישרים ועדה

בריוון צו די מערכת

**לכבוד דער חשוב'ער מערכת פון די 'השגחה פרטית' בלעטלעך.**

כ'וויל דא ארויסדרוקן מיינע טיפע שעצונג געפילן פאר די חשוב'ע פעולות בקודש וואס איר טוט מיט די גליונות און אויך מיט אייער הערליכע טעלעפאן ליניע פון מעשיות מיט שיעורים אין דער נושא פון אמונה און השגחה פרטית.

איך בין נתעורר געווארן צו שרייבן צו אייך די שורות אין ליכט פון א שווערע געשעעניש וואס האט באטראפן איינס פון די חשוב'ע משפחות פון דער געגנט וואו כ'וואוין. זייענדיג קרוב אל החלל האבן מיר זיך שכנים צונויפגערעדט וואס מען קען טון אין ליכט פון דער געשעעניש. מיר האבן געשפירט בחוש ווי הקב"ה מאָנט פון אונז עפעס און מען האט דן געווען וואו מ'קען זיך פארבעסערן.

אין אזא מציאות שווימען ארויף אסאך געדאנקען אויפ'ן טיש. יעדער איינער ברענגט זיין פערספעקטיוו וואס איז דאס מערסטע קריטיש זיך צו פארבעסערן אין אזא צייט. ווען מיר האבן מיטגעטיילט אונזערע געדאנקען מיט'ן טאטן פון יענעם משפחה, האט ער געהאט פאר אונז א שטארקע חידוש.

"דער רבוש"ע וויל פון אונז אמונה! ער וויל אז מיר זאלן זיך שטארקן און גלייבן אין זיינע וועגן און האבן צוטרוי אין אים, אז וואס ער טוט איז גוט, נאר גוט".

עס איז ריכטיג אז מ'דארף מפשפש זיין במעשים, אבער מיר דארפן אויך מחזק זיין אונזער אמונה אין הקב"ה, גלייבן אין אים, האבן צוטרוי אין זיינע מעשים, אויך ווען מיר פארשטייען נישט זיינע וועגן.

ווען עס גייט אונז גוט, גלייבן מיר אז ער איז א גוטער טאטע, אבער ווען עס געשעט א טראגעדיע האבן מיר קושיות. דער באשעפער וויל אז מען זאל גלייבן אין אים; אין זיין טובה וחסד, אז ער איז גוט צו אונז שטענדיג, אז אלעס פירט זיך מיט א חשבון, אויך ווען מיר זעען נישט די טובה.

דא, אין דער מכון זענט איר עוסק אין דעם א גאנץ יאר. אשריכם! שטארקט זיך אין דעם און הקב"ה זאל אייך געבן כח אנצוגיין מיט אייערע מעשים טובים.

בברכה

**חיים שטיין - מודיעין עילית**

**האט איר הערות והארות? שיקט א אימעיל צו די מערכת.**

## זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ א מִצְוָה

**דֶערְצֵיילְט נַפְתָּלִי שְׁטֶערְן פוּן יְרוּשָׁלַיִם:**

מַיין מַאמֶע אִיז אַרוֹיסְגֶעפָאְרן קֵיין מִירוֹן. וֶוער עֶס וֵוייסְט, וֶוען מֶען פָאְרט קֵיין מִירוֹן, וִויבַּאלְד עֶס אִיז אַ לַאנְגֶע וֶועג, שְׁטֶעלְט מֶען זִיךְ גֶעוֵוועְנְלִיךְ אָפּ בַּיי אַ סְטַאנְצְיֶע. דִי סְטַאנְצְיֶע אִיז גֶעאֵייגְנְט צוּ קֶענֶען אוֹיסְצִיעֶן דִי בֵּיינֶער בַּיי אַזַא לַאנְגֶע רַייזֶע, אוּן אֲפִילוּ עֶפֶּעס קוֹיפְן צוּ אִיבֶּערְבַּייסְן - נָאכְן אִיבֶּערְקוּקְן גוּט דֶעם הֶכְשֵׁר פַארְשְׁטֵייט זִיךְ.

זֵייעֶר אָפְט טְרֶעפְן זִיךְ בַּיי דִי סְטַאנְצְיֶע אַפָּאר בָּאסֶעס אוֹיף אַמָאל, וָואס לָאזְן אַרָאפּ דִי פַּאסַאזְשִׁירְן אוֹיף צֶען מִינוּט. דֶערִיבֶּער פַּאסִירְט אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶועלְכֶער פַארשְׁפֶּעטִיגְט זַיין בָּאס כַאפְּט זִיךְ אַרוֹיף אוֹיף אַ צְוֵוייטְן בָּאס. אַלֶע פָאְרן דָאךְ צוּ אֵיין צִיל - ר' שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי.

אִינְמִיטְן וֶועג הָאט זִיךְ טַאקֶע דֶער בָּאס אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט. נָאךְ דִי קוּרְצֶע הַפְסָקָה הָאט זִיךְ דֶער בָּאס צוּרִיק אָנְגֶעפִילְט אוּן גֶענוּמֶען פָאְרן. אָבֶּער דֶעמָאלְט הָאט מַיין מַאמֶע בַּאמֶערְקְט אַז אֵיין מֵיידְל פֶעלְט. דִי אָנֶוועזְנְדֶע הָאבְּן נִישְׁט גֶעזָארְגְט, כָאטְשׁ וָואס קֵיינֶער הָאט אִיר נִישְׁט גֶעקֶענְט, הָאבְּן זֵיי אִיר פְּרִיעֶר גֶעזֶען אוּן גֶעוואוּסְט אַז זִי אִיז אַן עֶרְוַואקְסֶענֶע, אוּן זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אַז זִי הָאט זִיךְ מִיטְגֶעכַאפְּט מִיט אַ צְוֵוייטְן בָּאס.

אָבֶּער... אִיר טַאשׁ אִיז גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף אִיר בֶּענְקְל. מַיין מַאמֶע הָאט שְׁטַארְק גֶעוָואלְט מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן הֲשָׁבַת אֲבֵידָה. אוֹיפְן טַאשׁ אִיז גֶעוֶוען אַ נָאמֶען אָבֶּער אָן אַ טֶעלֶעפָאן נוּמֶער, וִוי וֵוייסְט זִי וֶוער דִי מֵיידְל אִיז? וואוּ טְרֶעפְט זִי אִיר יֶעצְט?

אוּן דָא פַאלְט אִיר אַיין. אִין מַיין שְׁוֶועסְטֶער'ס קְלַאס אִיז דָא אַ מֵיידְל מִיטְ'ן זֶעלְבְּן פַאמִילְיֶע נָאמֶען. מַיין שְׁוֶועסְטֶער פוּן דֶערְהֵיים הָאט שְׁנֶעל גֶערוּפְן צוּ יֶענֶע חָבֵר'טֶע, אִיר גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ אִיר שְׁוֶועסְטֶער אִיז אוֹיפְ'ן וֶועג קֵיין מִירוֹן. "יָא" הָאט דִי חָבֵר'טֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט. עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעוִויזְן אַז דֶער טַאשׁ גֶעהֶערְט טַאקֶע צוּ אִיר שְׁוֶועסְטֶער! מַיין מַאמֶע הָאט גֶענוּמֶען דֶעם טַאשׁ. זִי הָאט שׁוֹין גֶעוואוּסְט פַאר וֶועמֶען עֶס אָפְּצוּגֶעבְּן!



אוּן אַזוֹי הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער צוּגֶעפִירְט, דֶער טַאשׁ זָאל נִישְׁט פַארְלוֹירְן גֵיין אוּן מַיין מַאמֶע זָאל מְקַיֵּים זַיין דִי גֶעוַואלְדִיגֶע מִצְוָה.

## גֶעפִירְט פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן

**יוּדֶעלֶע וַוייס לָאזְט אִיבֶּער אַן אִיבֶּערַאשְׁנְדֶער מֶעסֶעדְזְשׁ.**

הַיינְט בִּין אִיךְ גֶעפָאְרן אִין חֵדֶר מִיטְ'ן בָּאס וֶוען אִין מַיין הַאנְט הַאלְט אִיךְ אַ וִויכְטִיגֶע בְּחִינָה. וֶוען אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעשְׁטִיגְן פוּן בָּאס הָאבּ אִיךְ גֶעמֶערְקְט אַז דִי בְּחִינָה אִיז נִישְׁטָא. דֶער גֶערַאנְגְל צוּרִיק אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיפְ'ן בָּאס הָאט גֶעדוֹיעֶרְט. אַלֶע אִינְגְלֶעךְ הָאבְּן זִיךְ גֶעיָאגְט אַרָאפּ אוּן בִּיז אִיךְ הָאבּ בַּאוִויזְן זִיךְ דוּרְכְצוּשְׁטוּפְּן אִיז שׁוֹין דֶער בָּאס אַוֶועקְגֶעפָאְרן. עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן. אִיךְ הָאבּ מוֹרָא גֶעהַאט אַז אִיךְ וֶועל עֶס מֶער נִישְׁט טְרֶעפְן. בַּיי אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה טוֹישְׁן זִיךְ דִי בָּאסֶעס אוּן נִישְׁט יֶעדֶעס מָאל פָאר אִיךְ מִיטְ'ן זֶעלְבְּן בָּאס.

אַהֵיימְגֵייעֶנְדִיג בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אִיבֶּערַאשְׁט אַז פּוּנְקְט דֶער בָּאס פוּן אִינְדֶערְפְרִי אִיז אוּנְז גֶעקוּמֶען אָפְּנֶעמֶען, אָבֶּער מַיין אִיבֶּערַאשׁוּנְג הָאט נִישְׁט אָנְגֶעהַאלְטְן מֶער וִוי גֶעצֵיילְטֶע מִינוּטְן. וַוייל נָאכְ'ן זוּכְן אוֹיפְן אָרְט וואוּ אִיךְ בִּין גֶעזֶעצְן צוּפְרִי, הָאבּ אִיךְ אַיינְגֶעזֶען אַז דִי בְּחִינָה אִיז נִישְׁטָא.



פְּלוּצְלוּנְג אִיז דֶער דרייווער אַרָאפּ פוּן בָּאס עֶפֶּעס עֶרְלֵעדִיגְן, אַ זַאךְ וָואס פַּאסִירְט זֶעלְטְן, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט אַרוּמְצוּגֵיין אִין בָּאס זוּכְן מַיין בְּחִינָה. אוּן בָּרוּךְ ה' אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעטְרָאפְן נֶעבְּן דֶעם לֶעצְטְן טִיר פוּן בָּאס! דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אַלֶעס פּוּנְקְטְלִיךְ צוּגֶעפִירְט אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין צַעַר!

## גֶעטְרָאפְן אוּמְוִוילְנְדִיג...

**אֶלְעָזָר פוּן בֵּית שֶׁמֶשׁ דֶערְצֵיילְט:**

אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט מַיינֶע הֶעדְפָאוּנְס. אַלֶע וֵוייסְן וִוי נִישְׁט אַנְגֶענֶעם אִיז צוּ זוּכְן אוּן אַוַודַאי נִישְׁט אַזַא טַייעֶרֶע זַאךְ וִוי פְּרִיוַואטֶע הֶעדְפָאוּנְס. קֵיינֶער הָאט מִיר נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן. קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ אִיךְ הָאבּ עֶס אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דֶעם לֶעצְטְן מָאל, אוֹיךְ אִיךְ נִישְׁט.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעדְרֵייט אוּן גֶעזוּכְט אִין יֶעדְן אָרְט וָואס לֵייגְט זִיךְ אוֹיפְן שֵׂכֶל, אָבֶּער נִישְׁט גֶעטְרָאפְן. פְּלוּצְלוּנְג אִיז מַיין בְּלִיק גֶעפַאלְן צוּ אַ פַּארְרוּקְטְן ווִינְקְל אוּן... עֶס אִיז דָארְט גֶעלֶעגְן! עֶס וָואלְט מִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַיינְגֶעפַאלְן דָארְט צוּ זוּכְן.



נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט צוּגֶעפִירְט מַיין בְּלִיק זָאל פַארְקִירֶעוֶוען אַהִין אוּמְוִוילְנְדִיג אוּן אִיךְ זָאל עֶס בַּאמֶערְקְן!

**טֵייעֶר קִינְד! הָאט אִיר אַ מַעֲשֶׂה פוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית?**

**רוּפְט אַרֵיין צוּ קַו הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית פַאר קִינְדֶער:**

**1-518-613-0140** דְרִיקְט 0/4 אוּן פַארְצֵייל דַיין מַעֲשֶׂה.
אוּן נֶעמְט אַ חֵלֶק צוּ פַארשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

**הודעות ווינקל**

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער!
גָאר אַסַאךְ שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת קֶען מֶען הֶערְן,
**אִין קַו הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית פַאר קִינְדֶער:**
**1-518-613-0140 דְרִיקְט 0/2**

# אַ הִימֶעלִישֶׁע אַנְטְפְּלֶעקוּנְג

פרק 1

די מַעֲשֶׂה ווֶערְט דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ ר' אַהֲרֹן סְטַאל פוּן יְרוּשָׁלַיִם, וואָס אִיז גֶעוְוען אַ עֵד אוֹיף די מַעֲשֶׂה:



השגחה פרטית
א וועלט פון **אמונה**. א לעבן פון **ביטחון**

# פארשפרייט אמונה

## אין זיך אין די קינדער און אין די גאנצע וועלט

## ווילט איר לערנען אין רבי שלומ'קס כולל?

דער הייליגער צדיק רבי שלומקה זוועהילער זי"ע האט אמאל געהאט א טיפן שמועס מיט רבי אליהו ראטה זצ"ל. "זוך א נדבן", האט ער אים געבעטן, "וואס וועט אויפשטעלן א כולל השגחה פרטית פון צען אברכים. זיי זאלן רעדן דערפון, דערציילן, און זיך באשעפטיגן מיט די סוגיא. אויב אין ירושלים וועלן אידן רעדן פון השגחה, וועט דאס זיין א תיקון פאר דער גאנצער וועלט!"

צען אברכים האט דער הייליגער צדיק געבעטן - צען וואס וועלן שטענדיג שמועסן פון אלע זיינע וואונדערליכע הנהגות.

דער צדיק רבי יעקב מאיר שכטער שליט"א האט דאס אסאך מאל געהערט פון רבי אליהו זצ"ל, און ער האט געזאגט: "פילע יארן האב איך זיך געוואונדערט, ווי קען זיין אז א רצון פון א צדיק זאל נישט מקוים ווערן? יעצט, ווען איך האב געהערט פון דעם נפלא'דיגן טעלעפאן ליניע, האב איך געזאגט: טאקע, קיין ווארט פון א צדיק פאלט נישט צו דער ערד."

80 יאר נאך זיין הסתלקות איז דער רצון פון צדיק מקוים געווארן. דער כולל האט זיך געעפנט. דער השגחה ליין.

אוודאי איז דאס עפעס וואס מיר האבן נישט קיין השגה אין דעם.

און נישט נאר צען אברכים, נאר ברוך השם - צענדליגער טויזנטער מענטשן פון אלע עקן וועלט, מענער, פרויען און קינדער, נעמען אנטייל אין דעם כולל יעדן טאג.

ווילט איר א שליח זאל אויסזאגן פאר אייך תהלים און מזכיר זיין דיין קוויטל ביומא דהילולא
**ביים ציון הקדוש פון רבי שלומה מזוועהיל זי"ע**

**שליסט אייך אן אין דער געוואלדיגער זכוי הרבים בעפאר די יארצייט כ"ו אייר יסוד שביסוד**

## זיך איינצושרייבן צו באקומען 10 גליונות יעדע וואך

רופט: 845-222-2114 אדער שיקט א אימעיל: HASHGACHAPRUTIS@GMAIL.COM

בהמלצת רבנים קען מען צאלן מיט מעות מעשר / דאס האט נישט חשש שמות לגניזה

**איר קענט אויך זיין א שותף אין די גרויסע זיכוי הרבים**
רופט: 845-222-2114
תזכו למצוות.

**אויב האט איר סיי וועלכע הערות**
לאזט איבער א הודעה: 1-518-613-0140 דריקט 9/9 אדער שיקט א אימעיל צו די מערכת
hashgachaprutis@gmail.com